**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/13/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארבעסערטע פובליק צוטריט ביי ׳העמפסטעד לעיק סטעיט פארק׳**

***פארשריט זעצן פאר ווייטער אויף דעם 35 מיליאן דאלערדיגן פארבעסערונג פראיעקט,***
***ארייגערעכנט נייע הייקינג טרעילס, פישכאפן פיער און קאַיאַק ארויספאר פונקט***

**בילדער צו באקומען [דא](#)**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן פארענדיגונג פון 3.6 מיליאן דאלערדיגע פארבעסערונגען ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פארק אויף לאנג איילענד וועלכס פארשטערקערט פובליק צוטריטיקייט צו די פארקס און דעם לעיק וואס טראגט איר נאמען, דער גרעסטער פרישוואסער ארט אין נעסאוי קאונטי. דער פראיעקט האט אויך אריינגענומען דאס שאפן 4.75 מייל פון טרעילס פאר הייקינג, ביציקלען, און פערד-רייטן, אינאיינעם מיט פארבעסערטע באהעפטונגען צו דעם לעיק און פאָנדס מיט א קאַיאַק ארויספאר פונקט און פישכאפן פיער.

״די פארבעסערונגען וועלן פארברייטערן העכסט-נויטיגע צוטריט צו אפנלופטיגע פארווייילונג פאר לאנג איילענד פאמיליעס, און גלייכצייטיג מאכן דער קאמיוניטי מער ווידערשטאנד-פעאיג קעגן צוקונפטיגע שטורעמעס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די אנגייענדע טראנספארמאציע פון העמפסטעד לעיק סטעיט פארק וועט העלפן באשיצן היזלעט בעי, רעדוצירן פלייצונג ריזיקע, באזארגן באזוכער מיט פארשטערקערטע פארווייילונגס געלעגנהייטן, און אויסשולן דעם קומענדן דור לאנג איילענדער איבער די ענווייראנמענטאלע פאדערונגען וואס דער ראיאן טוט אויסשטיין.״

לעצטנס פארענדיגטע ארבעט ביי דעם פארק איז איצט אפן צו דעם פובליק, רעכנט אריין:

- א נייע ADA-איינשטימיגער פישכאפן פיער אויף העמפסטעד לעיק מיט לייכט דורכדרינגענדע דעקס פאר פארשטערקערטע פיש וואוין-ערטער;
- א נייע 20-פיסיגע אבסערוואציע טורעם וואס באזארגט פאנאראמישע בליקן:
- א נייע געהויבענע אריבערגאנג וועלכס באזארגט ADA צוטריט צו דעם טורעם;
- א נייע ADA-אויסגעפאלגטער קאַיאַק ארויספאר פונקט מיט אן אראפפאר ראמפע;
- צוויי געהויבענע אריבערגאנגען מיט סאָלאַר ענערגיע בליצלעמפל אפשטעל שילדן;
- נייע 10 פיסיג ברייטע טרעילס מיט שטיינערנע שטויב אפטימיזירט פאר פערד-רייטן; און
- נייע טרעפ און הענט-שטאנגען וועלכע שטעלן צו זיכערע פובליק צוטריט צו דעם לעיק.

די פארבעסערונגען זענען א טייל פון א 47 מיליאן דאלערדיגע טראנספארמאציע פון העמפסטעד לעיק סטעיט פארק, געשטיצט דורך א 35 מיליאן דאלערדיגע יו-עס ׳דעפּאַרטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳ (HUD) גרענט, און 12 מיליאן דאלער אין אפיס פון פארקס, פארווייילונג, און היסטארישע אפהיטונג (סטעיט פארקס) קאפיטאל געלטער. דער פראיעקט איז דער רעזולטאט פון א

צוזאמארבעט דורך סטעיט פארקס, דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג, HUD, יו-עס ארמיי קארפוס פון אינזשינערן, יו-עס ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור, און יו-עס פיש און באשעפענישן סערוויס. דער פראיעקט איז א טייל פון דעם גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג׳ס 125 מיליאן דאלערדיגע ׳ליווינג וויט דע בעי׳ איניציאטיוו צו העכערן די ווידערשטאנד-פעאיגקייטן פון קאמיוניטיס לענגאויס מיל ריווער און ארום סאָוט-שאָר בעיס דורך לינדערן שאדן פון שטורעם אנפלייצונגען; פארוואלטן שטורעם-וואסער צו לינדערן שאדן פון אלגעמיינע רעגן פאסירונגען; פארבעסערן וואוין-ארט און וואסער קוואליטעט; און העכערן צוטריט צו דעם מיל ריווער סיי דורך בילדונג און סיי דורך געשטיגענע פארוויילונגס געלעגנהייטן.

**סטעיט פארקס קאמיסיאנער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״די שטיצע פון HUD און דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג האט געמאכט דעם פארק גאר פאפולער, וועלכס האט צוגעצויגן איבער 3.5 מיליאן באזוכער דורכאויס דעם לעצטן צענדליג-יאר, א נאך מיר צוציענדער דעסטינאציע פאר געזונטע און זיכערע אפנלופטיגע פארוויילונג אין דעם זייער באוואוינטן ראיאן. ווייטערדיגע ארבעט קומט פאר ווייטער וועלכס וועט עס איבערמאכן פאר בעסערע ווידערשטאנד-פעאיגקייט קעגן עקסטרעמע וועטער וואס איז א טייל פון מענטשן-געשאפענע קלימאט ענדערונג און צו העלפן באשיצן איר דערנעבנדע קאמיוניטיס פון פלייצונג.״

**גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעיטי ברענען האט געזאגט,** ״פארקס זענען איינע פון אונזער וויכטיגסטע ענווייראנמענטאלע אייגנשאפטן. די פארבעסערונגען צו העמפסטעד לעיק סטעיט פארק פארשטערקערן ווידערשטאנד-פעאיגקייטן, פארברייטערט צוטריט צו פארוויילונג, און פארשטערקערט דער קאמיוניטי׳ס סאציעלע באהעפטונגען צו נאטור אן דער וואסער-אפשייד. מיר שטאלצירן זיך אז דער פארק דינט אלס א מוסטער אויף וויאזוי ניו יארק פירט דעם וועג אויף זיך צופאסן צו קלימאט ענדערונג און בויען אונזער קומענדן דור פון ווידערשטאנד-פעאיגקייט פירער.״

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** ״נאכפאלגנדיג הורריקעין ׳סענדי׳ האב איך שווער געקעמפט צו שאפן ביליאנען דאלארען אין פעדעראלע געלטער פאר גרינע, שטאנדהאפטיגע אינפראסטראקטור לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 125 מיליאן דאלאר ספעציעל פאר מיל ריווער וואסער-אפשייד, און פילע פון די געלטער זענען געגאנגען צו פארבעסערונגען ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פארק. נישט נאר טוען די געלטער מאכן דעם פארק און ארומיגע אומגעגנטער מער שטאנדהאפטיג, נאר זיי טוען אויך פארבעסערן פובליק זיכערהייט און צוטריט פאר מער לאנג איילענדער צו קענען אויסניצן אלץ וואס דער פארק האט אנצובאטן, פונקט אין צייט אויף זומער. איך אפלאדיר די ארבעט פון גאווערנער האוקול און ניו יארק סטעיט פארקס, ווי אויך די אלע ארטיגע, סטעיט, און פעדעראלע צוזאמארבעטער וועלכע האבן ערמעגליכט די פארבעסערונגען.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״העמפסטעד לעיק סטעיט פארק איז א לאנג איילענד אוצר און איך אפלאדיר דעם ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג פאר די וויכטיגע פארבעסערונגען וואס זיי האבן צוגעלייגט צו דעם פארק. העמפסטעד לעיק סטעיט פארק׳ס אָפּגרעידס וועלן פארשטערקערן צוטריטליכקייט פאר לאנג איילענד איינוואוינער, און וועט ערמעגליכן אז פיל מער באזוכער וועלן קענען געניסן פון אירע סצענישע גרין-נאטור ערטער, מיילן פון אוואנטורעס און געזונטע פארוויילונגס אקטיוויטעטן.״

**קאנגרעספרוי קאטלין רייס האט געזאגט,** ״העמפסטעד לעיק סטעיט פארק טוט אנבאטן העכסט-נייטיגע אינדרויסנדיגע פארוויילונגס ארט פון וועלכע גאנץ לאנג איילענד וועט געניסן. עס פריידט מיך אז מיר אינוועסטירן אין האלטן די פובליק שטחים אפגעהיטן, ריין און צוטריטליך.״

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** ״העמפסטעד לעיק סטעיט פארק איז סיי א העכסט-נייטיגע ענווייראנמענטאלע שטיצע-מיטל און וויכטיגע פארוויילונגס ארט דורך הונדערטער טויזנטער נעסאוי קאונטי איינוואוינער און באזוכער יעדעס יאר. די פארבעסערונגען וועלן פארזיכערן אז איינוואוינער קענען גענימען פון די הערליכע גרין-נאטור ערטער פאר פילע קומענדיגע דורות. איך דאנק ניו יארק סטעיט פארקס פאר זייער אנגייענדע צוזאמארבעט און איבערגעגעבנקייט אויף אפהיטן אונזער ווערדפולע נאטורליכע אייגנשאפטן און פארשטערקערן די לעבנס-קוואליטעט פון ניו יארקער.״

**אסעמבלי-מיטגליד טעילאר דארלינג האט געזאגט,** ״איך בין מלא שמחה אז העמפסטעד לעיק סטעיט פארק האט פארענדיגט פאררעכטונגען און ענדערונגען צו פארבעסערן צוטריטליכקייט כדי אז אלע ניו יארקער קענען געניסן פון אונזער הערליכן פארק. אלס א גרינדונג מיטגליד פון דער גאר-ערשטער ׳מענטשן מיט דיסאַביליטיס קאמיטע׳, די פארבעסערונגען זענען אזוי גאר נייטיג. די געוואלדיגע פארבעסערונגען וועלן ערמוטיגן נאך בעסערע איבערלעבענישן פאר פילע קומענדיגע יארן. איך וויל באדאנקען יעדער וואס האט ערמעגליכט די פארשריט, באזונדערס אונזער פארקס דעפּארטמענט: איר זענט אלע די בעסטע! דאס איז א גרויסע עררייכונג פאר אלע וועלכע האבן געהאט א האנט דערין!״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשודי גריפין האט געזאגט,** ״איך בין אזוי דערהייטערט צו זען ווי די אויסגעצייכנטע פראיעקטן ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פארק קומען צו דער ווירקליכקייט מיט לוסטיגע פארוויילונגס אקטיוויטעטן פאר יעדן עלטער. די איינוואוינער פון אסעמבלי דיסטריקט 21 און באזוכער וועלן געניסן פון דעם הערליכן נייעם הייקינג, בייקינג און פערד-רייטונג טרעילס אינאיינעם מיט א נייע פישכאפן פּיער און קאַיאַק ארויספאר פונקט. מיר זענען אזוי גליקליך צו האבן דעם ציכטיגן סטעיט פארק אין אונזער קאמיוניטי און איך דאנק גאווערנער האוקול, ניו יארק סטעיט פארקס, און אלע אגענטורן פארמישט אין באזארגן די פארבעסערונגען, אַפּגרעידס און צוטריטליכקייט צו דעם פובליק. איך קוק ארויס צום פארענדיגן די צוקונפטיגע פראיעקטן וועלכע זענען אלע א טייל פון דעם 47 מיליאן דאלערדיגער טראנספארמאציע פון העמפסטעד לעיק סטעיט פארק.״

אנגייענדע פארבעסערונגען צו סטאביליזירן דער איינציגסטער הויכע געפאר דאמבע אויף לאנג איילענד — די העמפסטעד לעיק דאמבע — קומען איצט פאר. דער העמפסטעד לעיק טויער-הויז און סאָוט פּאָנד אינלעט הויז ווערן איצט רענאווירט, מיט דער העמפסטעד לעיק איינריכטונג צו באקומען נייע אפעריבארע שליוז טויערן וועלכס וועט ערמעגליכן פאר פארק שטאב צו קאנטראלירן לעיק שטאפלען בעפאר און דורכאויס די שטורעמעס. פאררעכטונגען זענען אויך פלאנירט פאר דעם שטיינערנעם פאדערזייט פון דער דאמבע אויף צו זיין איינשטימיג מיט זיכערהייט רעגולאציעס פון דעם סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג. די פארבעסערונגען זענען באשטימט פארענדיגט צו ווערן ביז סעפטעמבער 2022.

פלאנירטע טרעיל פארבעסערונגען פאר דעצעמבער 2022 האבן אויך אריינגערעכנט א נייע 10-פיס ברייטע שטיינערנע שטויב גרינוועי טרעיל צוצושטעלן א נאכאנאנדיגע צפון-ביז-דרום טרעיל סיסטעם דורכ׳ן פארק, ווי אויך א נייע 8-פיסיג ברייטע שטיינערנע שטויב וועטלענד טרעיל.

ווייטערדיגע פראיעקט ארבעט איז ערווארטעט פארענדיגט צו ווערן אין דעצעמבער 2022 נעמט אריין פארבעסערונגען צום פארק׳ס צפון פאָנדס אויף צו לינדערן פלייצונג ריזיקע אויפ׳ן מיל ריווער און רעדוצירן פארפעסטונג ביים אריינקומען צו היולעט בעי. ארבעט נעמט אריין א נייע איגעל עוועניו פארקינג לאט צו סערווירן אלס א טויער אריינגאנג, פאררעכטונגען צו דעם צפון-מערב׳דיגער דאמבע, נייע אפלויף קאָלווערטן, צוויי נייע שטאלענע פיסגייער בריקן, און אבסערוואציע דעק העכער׳ן נאָרט-איסט פּאָנד, סיסטעמען אויף צו פארזאמלען שוועבנדע אפפאל פון אריינקומען אין די פּאָנדס געגנט פון ארומיגע גאר-שטאטיש אנטוויקלטע געגנטער, דאס אוועקפירן אומגעוואונשענע זגאלן מיט נאכאמאל איינפלאנצן היגע-אפשטאמיגע זגאלן אויף צו שטיצן פארבעסערט פלאנצונג און באשעפעניש בייאָדיווערסיטעט, און שאפן

נייע וועטלענדס און קאנאלן אויסצופילטער׳ן שטורעם-וואסער פון די דערנעבנדע סאָוטערן סטעיט פארקוועי.

פאראיאר סעפטעמבער, האט גאווערנער האוקול געעפנט דעם פארק׳ס 8.3 מיליאן דאלערדיגן ענווייראנמענטאלע בילדונג און ווידערשטאנד-פעאיגקייט צענטער אונטער דעם פראיעקט. דער 8,000-סקווער-פיסיגער צענטער טוט אנבאטן בפועל׳דיגע אויסשולעריי אויף די געביטן פון שטורעם ווידערשטאנד-פעאיגקייט און ענווייראנמענטאלע פארוואלטונג; באזארגט פלאץ פאר קאמיוניטי באשעפטיגונג; און דינט אלס אן עמערדזשענסי קאארדינאציע צענטער אין משך פון דיזעסטער אפרוף.

דער פארק׳ס נייע ענווייראנמענטאלע בילדונג און ווידערשטאנד-פעאיגקייט צענטער שטעלט פאר אויסשטעלונגען און אינפארמאציע ערקלערנדיג קלימאט ענדערונג תוצאות, קאמיוניטי ווידערשטאנד-פעאיגקייט פראצעדורן און עווייראמענטאלע אפוטרופוס׳שאפט, און עס האט אויך א דאך העכער׳ן עמפּסטעד לעיק. אין צוגאב וועלן גאנץ-יעריגע בילדונג פראגראמען פארבעסערן די קאמיוניטי'ס פארשטאנד און פארבינדונג מיט׳ן מיל ריווער וואסער-אפשייד.

דער צענטער אנטהאלט קאמיוניטי ארט פאר ענווייראמענטאלע אויפקלערונג, נאן-פראפיט ארגאניזאציעס , בילדונג אינסטיטוציעס און קאמיוניטי ארגאניזאציעס. דער נעסאוי קאונטי געזעץ אינפארסירונג עקספלארירונג פראגראם, אנגעפירט דורכ׳ן נעסאו קאונטי פאליציי דעפארטמענט, ניצט דעם צענטער אויף צו באשעפטיגן דער ארטיגער קאמיוניטי, באקעמפן באנדע געוואלדטאטן, און דורך פאזיטיווע געשפרעכן מיט די יונגווארג דורך הדרכה און אויפקלערונג. די איינריכטונג קען אויך פונקציאנירן אלס א שטורעם אפרוף קאמאנד צענטער פאר לאקאלע קאטאסטראפע אפרוף קאארדינאציע פאר ערשטע רעספאָנדערס, ווי אויך אלס א פלאץ פאר יוּטיליטי פירמעס צו קאארדינירן דאס צוגרייטונג פון געצייג, פארבעסערן זייער עמערדזשענסי אפרוף אויף צוריקצושטעלן קריטיש-וויכטיגע יוּטיליטיס.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און נאך, וועלכע זענען באזוכט געווארן אין 2021 דורך א רעקארד 78.4 מיליאן מענטשן. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונגס ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאונלאד׳ט דעם אומזיסטן NY State Parks Explorer מאביל עפּ אדער רופט 518.474.0456. אויך, פארבינדט אייך אויף פעיסבוק, אינסטעגרעם און טוויטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן